STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05372

MUTER UN ZUHN

Yehonatan Halpern

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהונתן האַלפּערן.

מוטער און זוהן.

אַ דראַמע אין איין אַקט.

געזעצט ביי א. שריפטגיסער,
וואַרשא, סאַפּעזשינסקאַ 8.

תרע"ג
1913

Тип. Х. Кельтеръ, Новолипье 11.

אלע יענע מוטערס און קינדער, וואָס
עפּעס אַ מיינונגס-פערשיעדענהייט האָט זיי
צושיידעט, און פון דערווייטענס, אָבגעריסענע
אייגס פון דאָס אנדערע, דריקט זיי דער עלענד
און ווערען געפּייניגט פון גארען און בענקען—
אלע זיי ווידמע איך מיין איצטיגעס ווערק.

פערזאָנען:

מלכּה׳לע	די רביצען, אַ אלמנה.
משה׳לע אהרן	איהרע קינדער.
ניטעלע	איהר אייניקעל.
אַ אַלטער דאָקטער	
אָרט	אין אַ קליין פוילישׁ שטעדטעל.

סצענע:

אַ בית-דין שטוב. אין הינטערגרונד צוויי נידריגע, קליינע פענסטער פערהאָנגען מיט ווייסע פאָרהענגלעך. לינקס—אַ טהיר אין קאָרידאָר. ווייטער, צום הינטערגרונד צו, אַ טהיר אין גיטע-לעם צימער. רעכטס—אַ טהיר אין די ווייטערע צימערן. מעבּ-לירונג: אַ לאַנגער איינפאַכער טיש. פון אויבען אָן אַ גרוי-סער הילצערנער שטוהל מיט אָנלעהנען; דערנעבען אָן אַ זייט אַ אַלטער געבּעטער שטוהל; לאַנגע בּענק, גרויסע שענק אָהן טהירען, פול מיט אַלטע אָבּגעניצטע ספרים. אַ עמוד, אַ ארון קודש א. ז. וו. איבּער'ן טיש הענגט אַ גרויסער הענגלייכטער און אויף די וואַנד מעשענע עסען. צווישען די פענסטער הענגט דאָס בּילד פון מלכה'לעס געשטאָרבּענעם מאַן, דעם רב. די וואַנד און דער נידריגער בּאַלקען זענען איינפאַך געקאַלעכט. איבּער דער אַרייגאַנגס-טהיר קוקט אַרויס אַ נאַקעט נישט גע-קאַלעכט שטיק וואַנד, זכר לחורבן. אָן די טהיר-ראַמען הענגען גרויסע אַלטע צדקה-פּושקעס מיט צונעקלעבּטע בּלעטלעך: ר' מאיר בעל-הנס, ארץ ישראל א. ז. וו. אויפ'ן טיש שטעהען צוויי מעשענע לייכטערלעך מיט פערלאָשענע, האַלב אָבּגעבּרענטע ליכט. אויבען אָן ליגט פערמאַכט עפּעס אַ ספר, פון צווישען די בּלעטער פון וועלכען ס'זעהט זיך אַרויס אַ טאַשען-טוך. דער-נעבּען ליגט אַ זילבּער טאַבּאַק-פּודעלע. אין אַ ווינקעל שטעהען אַ שטעקען מיט אַ גרויסער זילבּערנער גאַלקע פון אויבען און אַ לאַנגע ליולקע. אין פערהעלטניס צו אַלעם אַרומיגען, זעהט

אויס דאָס בילד, וואָס צווישן די פענסטער, ניי; נאָר דאָך, דאָס גרויז-גראָע פּאַטריאַרכאַלישע פּנים מיט זיין בלאַסן שטרענגען אויסזעהן פּאַסט זעהר צו דער סביבה. עפּעס אַ הייליגע, נאָר טויטע שטילקייט איז אויף אַלעם אויסגעגאָסען, מען פיהלט, ווי עס וואָלט דאָ פערגליווערט געוואָרען עפּעס אַ גרויסער און שרעגנער גייסט, וואָס האָט צעהנדליגער יאָהרען לאַנג דאָ געלעבט און געדענקט און איז פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען.

ווען די פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, איז די סצענע ליידיג.

(משה'לע קומט אַריין פון פאָדער-צימער. ער איז אייראָפּעאיש געקליידעט און דאָס פּנים ראַזירט. ער טראָגט אויף זיך אַ אויבער-פּאַלטאָ און אין האַנד האַלט ער אַ קליין רייזע-טעשעל. ער קומט אַריין ראש, נאָר בעהערשט פון דער אַרומיגער שטילקייט און אונטער דער ווירקונג פון די פיעלע ערינערונגען, וואָס וואַכען פלוצלונג אויף אין איהם, בלייבט ער שטעהן מיט'ן רעניצ'ל אין האַנד, ווי פערגלווערט. ער קוקט זיך פאַרזיכטיג און נישט דרייסט אַרום און אויף זיין פּנים גיסט זיך אויס אַ שטילע פרייד. זיין בליק פאַלט אויפ'ן בילד און ער גיט אַ ציטער. ער געהט צו נעהנטער, קוקט זיך דאַרין איין און זיין פּנים ווערט שטרענג. די טהיר רעכטס עפענט זיך שטיל און ס'קומט אַריין גיטעלע. דערזעהענדיג משה'לען, שטראַהלט זי אויף).

גיטעלע.

(שרייט אויס שטיל מיט אַ ציטערן אין קול פון פרייד) **משה'לע!...**

(לויפט צו איהם).

משה'לע.

(גיט זיך ראש אַ דרעה אום און לאָזט אַרויס אַ פריידען געשריי).

(זיי נעמען זיך אַרום און בלייבען, ווי צוזאַמענגעגאָסען אין אַ לאַנגען האַרציגען קוש).

משה׳לע.

(נעמט זי מיט ביידע הענד פאר די אַקסלען און האלט זי אַזוי אַ ווײַלע עטוואָס ווייט פון זיך, קוקענדיג אויף איהר מיט שטראַהלענדע אויגען פון גליק. ער ציהט זי דערנאָך האַסטיג צו זיך און קושט זי הייס) גיטעלע... מיין גיטעלע...

גיטעלע.

(בעפרייט זיך ראַש פון איהם און בליקט מיט שרעק צו רעכטס. זי מאַכט צו איהם אַ צייכען מיט׳ן פינגער) שאַ... (און לייגט אויף די שפיץ פינגער צו רעכטס, פערמאַכט שטיל די טהיר און קעהרט זיך אום צו איהם).

משה׳לע.

(אונרוהיג) ווער איז דאָס דרינען?

גיטעלע.

די באָבעשי שלאָפט דאָרט.

משה׳לע.

זי איז טאַקי אַזוי ערנסט קראַנק געוועזען?

גיטעלע.

יאָ; אָבער די געפאַהר איז שוין פאָראיבער. צייט נעכטען פיהלט זי זיך ווידער גוט.

משהלע.

וואָס איז דען אייגענטליך געוועזען?

גיטעלע.

האָסטו זיך נישט געזעהן מיט׳ן דאָקטאָר? ער האָט דאָך געזאָלט דיך אָבוואַרטען ביי דער באַהן און צוזאַמען מיט דיר אַריינקומען!

משה׳לע.

יאָ, ער איז געוועזען ביי דער באַהן. איך האָב איהם געבעטען, אַז ער זאָל מיך נישט "בעגלייטען: כ׳בין געוועזען אַזוי... כ׳האָב נישט געוואָלט האָבען מיט זיך אַ זייטיגען מענש ביי מיין ערשטען אַריינקום. אָבער וואָס איז אַזוי פלוצלונג געשעהן? אין דיין בריעף פון צוויי טאָג פריהער האָסטו גאָר-

נישט דערמאָנט, אַז זי איז עפּעס נישט געזונד !

גיטעלע.

וואָס קאָן מען דען ביי איהר וויסען. דו ווייסט דאָך: מיט איהר פּעהלער און אין אַזעלכע יאָהרען... דער דאָקטאָר זאָגט, אַז די מינדעסטע אָנשטרענגונג, די קלענסטע אויפרעגונג קאָן זיין פאַר איהר געפעהרליך, און דאָ... מ׳קאָן נישט דערגעהן, וואָס ס׳איז געוועזען. זונטאָג אין דער פריה, כ׳הויב זיך אויף, זאָגט מיר די דיענסט, אַז די באָבעשי איז אַוועקגעפאָהרען. וואוהין? ווייסט נישט קיינער. כ׳האָב געפרעגט אַלע שטוב-מענשען, אַהין געלאָפען צום פעטער דוד—קיינער ווייסט נישט פון גאָר. נאָך פיעל מיה און נאָכפרעגען איז אונז קוים גע-לונגען געוואָר צו ווערען, אַז זי איז געפאָהרען מיט דער באַהן. מעהר איז אונמעגליך געוועזען צו דערגעהן. צוריקגע-קומען איז זי ערשט דיענסטאָג און האָט זיך גלייך געלעגט אין בעט אַריין.

משה׳לע.

און דו ווייסט גאָרנישט, וואו זי איז די צוויי טאָג גע-וועזען?

גיטעלע.

ניין, ווען זי איז געקומען, האָט זי שוין געהאַט הע-כער 39 גראַד היץ און ס׳איז אונמעגליך געוועזען זיך פון איהר עפּעס צו דערוויסען; דערנאָך, ווען ס׳איז איהר בע-סער געוועזען, האָב איך עטליכע מאָל געפּרובט זי צו פרע-גען; כ׳האָב אָבער בעמערקט, אַז ס׳איז איהר נישט אַנגע-נעהם, וואָס כ׳פרעג זי און האָב אָבגעלאָזט. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז זי האָט זיך געמוזט אונטערוועגס עפּעס שטאַרק אויפרעגען. אין די היץ האָט זי אָפט גערעדט עפּעס אַזעלכע ווערטער... מיר האָבען גאָרנישט געקאָנט פערשטעהן: זי האָט כסדר געשריגען, אַז זי האָט געמוזט שטעהן ווי אַ בעטלער, ווי אַ גנב, און אַמאָל האָט זי ווידער געוויינט און עפּעס ביי עמיצען געבעטען, מ׳זאָל איהר מוחל זיין...

משה׳לע.

פון דעם קאָן מען גאָרנישט דרינגען: אַזאַ גרויסע היץ איז אימשטאַנד אָנצומאַכן אַזאַ פלאָנטער אין די געדאַנקען, דאָס די ווערטער, וואס ווערען אין אַזאַ צושטאַנד גערעדט, קאָנען נישט האָבען קיין שום בעדייטונג. נאָר אונפערשטענדליך איז עס: וואו האָט זי געהאַט צו פאָהרען, וואָס קיינער טאָהר נישט וויסען דאַפון... אָבער איז היינט מעהר נישטאָ קיין געפאַהר?

גיטעלע.

ניין, זי איז היינט אינגאַנצען צוריק געשטעלט. זי האָט אַפילו היינט שוין פערלאָזט ס׳בעט.

משה׳לע.

און וואָס מאַכט עפעס מיין ברודער?

גיטעלע.

אַלדאָס גוטס. דו וועסט איהם נישט דערקענען, אַזוי אויסגעוואַקסען איז ער. אַ גאַנצער יוד געוואָרען.

משה׳לע.

אַזוי? און לערנט ווייטער אַזוי פיעל?

גיטעלע.

יאָ, נאָכמעהר. אין שטאָדט רופט מען איהם נישט אַנדערש ווי אהרן דער מתמיד.

משה׳לע.

דערמאַנט ער מיך אַמאָל? (טרויעריג) מ׳ווערט אַזוי פערפרעמדט... שוין באַלד צוויי יאָהר...

גיטעלע.

(נעמט איהם אַרום) כ׳בין אַזוי צופרידען, וואָס דו האָסט מיך געהאָרכט און ביזט געקומען...

משה׳לע.

ס׳איז מיר אָבער אַזוי שווער געוועזען... (זעצט זיך) נאָך איצט קאָן איך...

גיטעלע.

(ועצט זיך נעבען איהם) געה שוין, נאַרעלע, אַם שווערסטען איז געוועזען דער ערשטער טריט, און דאָס האָסטו שוין גע-מאַכט. ווייטער וועט שוין געהן לייכט. וועסט זעהן, די באָ-בעשי וועט צופריעדען זיין.

משה׳לע.

אָבער דערמאַן דיך נאָר, שוין באַלד צוויי יאָהר ווי מיר האָבען זיך נישט געזעהן! (ועצט זי צו זיך אויף דער שוים) האָסט חאָטש געדענקט אָן מיר?

גיטעלע.

(טוליעט זיך צו איהם. קינדיש) ניין, כ׳האָב נישט געבענקט. קושט איהם הייס).

משה׳לע.

האָסטו מיך ווירקליך נאָך אַזוי ליעב, ווי אַמאָל? (גיטעלע קוקט אויף איהם, ווי נישט פערשטעהענדיג) פאַרוואָס דען האָסטו נישט געוואָלט אַריבער קומען צו מיר?

גיטעלע.

(שטיל, ווי שולדיג) כ׳האָב נישט געקאָנט...

משה׳לע.

(אויפגערעגט) דו האָסט נישט געקאָנט—אויף אַלע מיינע בריעף, אויף מיין אַלעם בעטען האָסטו געהאַט אַלץ דעם זעלבען תירוץ: דו קאָנסט נישט. מיינס האָט דיך נישט געקימערט. דיך האָט נישט געקימערט, אַז מיך האָט דאָרטען דער עלענד געדריקט און געפרעסען! צוויי יאָהר, צוויי שרעקליך לאַנגע יאָהר האָסטו מיך געלאָזט בענקען און ליידען!

גיטעלע.

מיינסטו, אַז מיר דאָ איז בעסער געוועזען?

משה׳לע.

דעמאָלט, ווען כ׳בין אַוועק, האָסטו דוקא געוואָלט באַלד מיטפאָהרען מיט מיר, און כ׳האָב קוים ביי דיר גע׳פועל׳ט,

אַז דו וואָלסט דאָ בלייבען, ביז כ'וועל גרייט מאַכען עפּעס אַ דירה; ס'איז אָבער גענוג געוועזען, אַז איך זאָל פערשווינדען פון דיינע אויגען, און דו האָסט שוין נישט געקאָנט זיך אַוועקרייסען פון היע...

גיטעלע.

(מיט טרעהרען אין די אויגען) משה'לע, פאַרוואָס זאָלסטו רעדען אַזעלכע ווערטער? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ס'איז נישט אַזוי... מיר איז דאָ אויך נישט לייכט געוועזען, נאָר... וואָס זאָל איך טהון, ס'איז מיר אַ רחמנות דער באָבעשי'ס...

משה'לע.

און מיינס איז נישט קיין רחמנות? און דיינס איז נישט קיין רחמנות?

גיטעלע.

דערמאָן זיך אָבער איהר לאַגע: דו, ווענען זי האָט אָם ליעבסטען געהאַט, ביזט אַוועק...

משה'לע.

נישט איך בין אַוועק, נאָר מען האָט מיך אַרויסגעיאָגט.

גיטעלע.

צוויי טאָג שפּעטער איז דער זיידעשי, איהר מאַן געשטאָרבען. (משה'לע גיט אַ ציטער, שטעהט אויף און געהט איבער דער שטוב) זי איז אַלט און קראַנק און האָט נישט קיינעם, נאָר אהרנ'ען און מיך... ווען זי זאָל נאָך געוואָהר ווערען, אַז איך בין נישט בעסער, אַלס דו, אַז כ'ליעב דיך... זי וואָלט עס נישט איבערגעלעבט.

(משה'לע געהט שווייגענדיג און פערטראַכט איבער דער שטוב. גיטעלע קוקט איהם נאָך אונרוהיג. נאָך אַ ווײַלע שטעהט זי אויף, געהט צו איהם און נעהמט איהם אַרום).

גיטעלע.

(צערטליך, שטיל) וואָס ביזטו אַזוי צורודערט, ביזט אויף מיר בייז?

משה׳לע.

די אַטמאָספערא הינען דריקט מיך, אַלץ דערמאַנט מוך ...

גיטעלע.

(איבערהאַקט איהם) געדענקסט, כ׳האָב דיך אין מיין בריעף געבעטען, אַז איידער דו קומסט אַהער, זאָלסטו פריהער פער־געסען אַלעס, וואָס ס׳איז אַמאָל געווען?

משה׳לע.

(קוקט זיך אַרום) גאָרנישט געענדערט, די זעלבע שטרענגע טויטקייט, אַלץ ווי געוועזען. נאָר דער געבעטער שטוהל איז פריהער דאָ נישט געשטאַנען. (ווענדעט זיך צו גיטעלען) ווי קומט ער דאָ אַריין? ס׳איז דאָך די מאַמעס שטוהל?

גיטעלע.

יאָ, זי האָט איהם איבערטראָגען דאָ אַריין.

משה׳לע.

גאָרנישט געענדערט. ס׳טאַבאַק־פידעלע, די ליולקע, דער שטעקען, אַפילו זיין געליעבט ספר מיט׳ן טאַשען־טיכעל אינ־ווייניג — אַלץ ווי ווען ער האָט נאָך געלעבט. (נאָך אַ פויזע) דו דאַרפסט אַ ביסעל צורוימען, די שטוב וואָלט פרייער געוואָרען.

גיטעלע.

וואָס זאָגסטו? מעהר פעהלט מיר נישט. הינען טאָר קיי־נער גאָרנישט ריהרען. די באָבעשי טהוט יעדען טאָג זעלבסט דאָ צו רוימען, ליגט יעדע זאַך פינקטליך אויף זיין אָרט, ווי אַמאָל, און אַ גאַנצען טאָג זי נאָר הינען. זי האָט אַפילו ס׳בעט איהרס איבערטראָגען דרינען אין דער עס־שטוב אַריין, כדי צו זיין נאָהענט און אָפטמאָל הייבט זי זיך אויף ביינאַכט און דרעהט זיך הינען אַרום שעה׳ן לאַנג.

משה׳לע.

אַזוי, געפינט זי זיך נאָך ווייטער אונטער זיין דעספאָטי־שען דרוק ...

גיטעלע.

(מיט אַ פאָרוואורף) משה׳לע ...

מ ש ה ׳ ל ע.

(ווייזט אויפ׳ן בילד) ווען האָט מען דאָס בילד דאָ אַריינגע-האָנגען?

ג י ט ע ל ע.

דעמאָלט, באַלד נאָך די שבעה.

מ ש ה ׳ ל ע.

(נאָך אַ פּויזע) אויף אַלעם האָט זיין דעספּאָטיזם געדריקט, אַלץ...

ג י ט ע ל ע.

(נעמט איהם אַרום) משה׳לע, רעד דאָך נישט אַזעלכע ווער-טער. געדענק, אַז ער איז געוועזען דיין פאָטער.

מ ש ה ׳ ל ע.

איך קאָן דאָס נישט געדענקען. ער האָט געהערשט איבער מיר נישט ווי אַ פאָטער, נאָר ווי אַ האַר איבער זיין קנעכט, איבער זיין אייגענטום, שטענדיג האָב איך געפיהלט אויף דעם דריק פון זיין קאַלטער, שווערער האַנד.

ג י ט ע ל ע.

רעד נישט אַזוי, כ׳בעט דיך, גלויב מיר ער האָט דיך ליעב געהאַט און...

מ ש ה ׳ ל ע.

ער—ליעב געהאַט? חאַ, חאַ, חאַ! ער האָט מיך פערשאָל-טען! ער, מיין פאָטער, האָט מיך פערשאָלטען! (געהט האַסטיג איבער דער שטוב).

ג י ט ע ל ע.

דערמאָן זיך, ביי סאַראַ אומשטענדען דאָס איז פאָרגעקומען: דו ביזט געוועזען דער וואויל לערנער, דער עילוי, האָסט גע׳שמ׳ט אַלס גאָטספאָרכטיג, ער איז געוועזען זיכער, אַז דו ווערסט ווערען אַ בעוואוסטער רב, וועסט אַמאָל זיין שטעל פערנעהמען, און פלוצלונג דערזעהט ער אַזעלכעס. איבעררע-דען נאָר סאַראַ שרעקליכע ליידען...

משה׳לע.

און פריהער, ווען כ׳בין נאָך געווען דער וואויל-לערנער, דער גאָטס-פּאָרכטיגער, האָט ער מיר אַמאָל געוויזען חאָטש איין פאָטערליכען בליק, חאָטש איין צייכען פון ליעבע? האָט ער אַמאָל גערעדט צו מיר אַנדערש, ווי אַ שטרענגער האַר, צו וועלכען כ׳האָב נאָר געפיהלט בלויז מורא?

(ער געהט איבער דער שטוב. לענגערע פּויזע. שטעלט זיך אָב ביים בילד און קוקט דאַרויף שטרענג).

משה׳לע.

(ווי צו זיך) שוין צוויי יאָהר און עס שטעהט מיר פאַר די אויגען, ווי עס וואָלט ערשט היינט געוועזען. ס׳איז געוועזען פרייטאָג צו נאַכט, דער טאַטע איז שוין געשלאָפען, און איך האָב זיך, ווי אַלע מאָל אַריינגעגנב׳עט הינען לעזען. איך בין געוועזען פערטהון און האָב גאָרנישט בעמערקט ווי די צייט רוקט זיך. ס׳איז געוואָרען צוועלף דער זייגער און איך בין נאָך אַלץ געזעסען מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, פערטיעפט אין מיין בוך...

גיטעלע.

צו וואָס טויג דיר אויסצוגראָבען אַלטע ערינערונגען?

משה׳לע.

(שמערצליך) נאָך איצט הער איך זיין דונערענד קול: „שבת אַ פּאַפּיראָס?!“ כ׳זעה נאָך, ווי ער שטעהט אויסגעשטרעקט די מאָגערע ביינעריגע הענד צו דער טהיר און שרייט: אַרויס! דו ביזט נישט מעהר מיין זוהן! כ׳פערלייקען דיך“!“ (בלייבט שטיל).

גיטעלע.

(געהט צו און קושט איהם שטיל) משה׳לע...

משה׳לע.

(זעצט זיך צום טיש, אָנשפּאַרענדיג דעם קאָפּ אויף דער האַנד. טרויעריג) און כ׳בין געבליבען פערלייקענט... ער האָט מיך אָבגע-

ריסען פון אַלע, וואָס כ'האָב געליעבט, פון אַלעם, וואָס ס'איז מיר געוועזען טייער — מיט'ן האַרץ צוזאַמען האָט ער מיר זיי אַוויסגעריסען און האָט מיך געלאָזט פוסט און עלענד...

(גיטעלע זעצט זיך צו און נעהמט איהם שטיל אַרום. זי האָט טרעהרען אין די אויגען).

משה'לע.

אַלע בעוואונדערן מיינע ליעדער, בעוואונדערען דעם טיעפען טרויער, וואָס איז אויסגעגאָסען אין זיי, כ'בין געוואָרען בעריהמט מיט מיין טרויער און קיינער ווייסט נישט, אַז דאָס זענען מיינע ליידען, מיין עלענדקייט...

גיטעלע.

משה'לע, קלער שוין נישט פון דעם... וועסט זעהן, דו וועסט זיך איבערבעטען מיט דער באָבעשי, וועסט ווידער זיין צווישען אונז...

משה'לע.

זי וועט זיך נישט איבערבעטען, זי וועט מיך ווידער אַרויסיאָגען. דאָ איז אייביג דער טאַטע דער בעל-הבית. אין יעדען ווינקעל זעהסטו זיין גייסט. איך בין דאָ פרעמד, אויף אייביג פערלייקענט...

גיטעלע.

ניין, זי וועט דיך צונעמען מיט ליעבע, דו וועסט ווידער ווערען איהר ליעבלינג, איהר שעהן יונגעלע, ווי זי פלעגט דיך שטענדיג רופען; מיר אַלע וועלען דיך ווידער צערטלען און ליעבען. וועסט זעהן, ווי פריהער מיט'ן טרויער, וועסטו איצט בעריהמט ווערען ווידער מיט דיין פרעהליכקייט. פון היינט אָן וועט די וועלט בעווינדערען די האַרציגע פרעהליכקייט וואָס וועט שפּראָצען פון יעדען פערז דיינעם. מיר וועלען...

(וועהרענד איהרע רייד טוליעט זיך משה'לע צו איהר און אויף זיין פנים איז אַ בעגייסטערונג, ווי ביי אַ קינד, ווען די מוטער

נעהמט עס איין מיט אַ שען מעשה'לע. פון עס-שטוב דערהערט זיך אַ לייכט הוסטען און דאָס שאַרען פון אַלטע, שוואַכע פיס. גיטעלע שפּרינגט אויף איבערשראָקען).

גיטעלע.

די באָבעשי...

(משה'לע האַפּט זיך אויף און קוקט אונרוהיג צו רעכטס).

גיטעלע.

געה דערווייל אַריין אין מיין צימער. איך וועל זי פאַר-בּרייטען און דערנאָך וועל איך דיך אַריינרופען. נו, געה שוין! (ער שטעהט אונבּעוועגליך און קוקט, ווי פריהער, צו רעכטס) **אַך, געה דאָך! זי וועט אודאי באַלד אַריינקומען.** (זי קושט איהם שנעל און שטופּט איהם אַרויס לינקס) **זאָרג נאָר גאָרנישט, ס'וועט אַלעס גוט זיין.**

(זי פערמאַכט נאָך איהם די טהיר, לויפט צו רעכטס און פער-שווינדעט אין עס-צימער. באַלד הערען זיך פון דאָרט בּעוועגונ-גען און נישט דייטליכע שטימען. נאָך אַ ווייל בעוויזט זיך אין טהיר מלכּה'לע. אין עלטער פון 65—70 יאָהר. דער וואוקס עט-וואָס מעהר אַלס מיטעל. פון צווישען די פיעלע קנייטשען, וואָס בעדעקען איהר גאַנץ פּנים, אויף וועלכען ס'זענען נאָך געבּלי-בּען סמנים פון אַ מאָליגער שענקייט, קוקען אַרויס טיעף בּע-האַלטענע ליידען. פון איהר גאַנג איז צו מערקען, דאָס זי איז זעהר שוואַך, חאָטש זי האַלט זיך נאָך גאַנץ גראַד. נאָר די אויגען זענען נאָך שען און מיט פייער. אויך די שטימע איז נאָך פעסט, חאָטש אַלט. בּיים אַריבּערגעהן די שוועל וויל איהר גיטעלע, וואָס געהט הינטער איהר, צו העלפען, נאָר מלכּה'לע לאָזט נישט).

מלכּה'לע.

ניין, לאָז, כ'וועל אַליין געהן.

(זיי קומען אַריין. גיטעלע רוקט אַ פּוּער דעם געבעטען שטוהל אויף וועלכען מלכּה'לע זעצט זיך).

מלכה׳לע.

כ׳האָב פערגעסען צו נעמען ס׳קעסטעלע.

גיטעלע.

כ׳ברענג עס שוין אַריין.

(זי פערשווינדעט אין עס-צימער און קומט באַלד צוריק, טראָ-גענדיג אַ לייכט האַנד קעסטעלע און אַ קישעלע. זי שטעלט דאָס קעסטעלע אויפ׳ן טיש נעבען מלכה׳לען און ס׳קישעלע לעגט זי איהר אונטער אויפ׳ן אָנלעהן).

מלכה׳לע.

(צאַרט) וואָס ביזטו אַזוי דערהיצט, גיטעלע?

גיטעלע.

(ווערט נאָך רויטער, טאַפּט זיך מיט די הענד די באַקען. צוטומעלט) ווער, איך? כ׳ווייס נישט... ס׳איז אַודאי פון דער קיך, די בלעך איז אַזוי דערגליהט...

מלכה׳לע.

צו וואָס שטעהסטו דען ביים קוימען? וויפיעל מאָל כ׳האָב דיך געבעטען, דו זאָלסט עס נישט טהון.

גיטעלע.

(פּאָרענדיג זיך מיט׳ן קישעלע) ס׳איז שוין שפּעט, אהרן וועט באַלד קומען און ס׳מיטאָג איז נאָך נישט גרייט.

מלכה׳לע.

און שפּאַציערען ביזטו געוועזען?

גיטעלע.

(אונטערשטעלענדיג מלכה׳לען ס׳פוסענבענקעלע) ניין, כ׳האָב נישט געהאַט קיין צייט.

מלכה׳לע.

ווי אַ אונגעהאָרזאַם קינד דו ביזט! האָסט צוויי מעת-לעת געוואַכט ביי מיר און איצט זיצסטו ווייטער אין שטוב. דו ווערסט נאָך, חלילה, קראַנק ווערען, ווערסטו האָבען.

גיטעלע.

(ווערט פאַרטיג מיט'ן פיסעננבענקעלע און שטעלט זיך אויף) ווער? איך — קראַנק? חאַ, חאַ, חאַ! (שטעלט זיך גראַד און ציהט אויס די הענד) לאָז מיך די באָבעשי אָנקוקען, זעה איך אויס קראַנק?

מלכה'לע.

(קוקט זי אָן צופריעדען און דער בעהאַלטענער טרויער פערשווינדעט אויף אַ ווײַלע פון איהר פנים) קיין עין הרע.

((זי קושט זי מוטערליך. גיטעלע דעקט צו מלכה'לען מיט אַ טוך).

מלכה'לע.

(נאָך אַ ווײַלע) גיטעלע, כ'האָב געוואָלט מיט דיר עפּעס רעדען, זעצט דיך אַנידער דאָ נעבען מיר.

(גיטעלע זעצט זיך אויפ'ן פיסעננבענקעלע און קוקט אַרויף צו מלכה'לען. מלכה'לע נעמט מיט ביידע הענד גיטעלעס קאָפּ, קוקט איהר שטיל מיט ליעבע אין פנים. קושט זי צאַרט).

מלכה'לע.

(אין פערלעגענהייט, ווי נישט וויסענדיג ביי וואָס אָנצוהייבען. מיט אַ שמייכעל) דו שעמסט זיך גאָרנישט, גיטעלע? דו ווייסט אודאי נישט, אַז כ'טהו דיך איצט שאַוען? (גיטעלע לאַכט איינפאַך) מ'האָט מיר פאָרגעשלאָגען אַ שידוך פאַר אהרנ'ען... און ווייסטו מיט וועמען? מיט דיר... (גיטעלע גיט אַ ציטער און וויל זיך אויפהאַפּען. מלכה'לע לאָזט זי נישט) נו, גיטעלע, פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט שעהמען... כ'בין דאָך אַ באָבע... (גלעט זי שטיל איבער'ן קאָפּ. נאָך אַ ווײַלע ווי צו זיך) כ'וואָלט גליקליך געוועזען, ווען כ'זאָל קאָנען דאָס אויספיהרען... ביידע זענט איהר גוטע און גע-ראָטענע, קיין עין הרע, ביידע האָב איך אייך ליעב... ווען דיין מוטער, עליה השלום, איז געשטאָרבען, ביזטו נאָך געוועזען אַ פּיצעדיג שוועלבעלע, און איך, דיין באָבע, בין דיר אויך אַ מאַמע געוואָרען... אייך ביידע צו זעהן גליקליך איז דאָס הייסעסטע, וואָס כ'בעט ביי גאָט ברוך הוא; נאָר... אפשר האָסטו עפּעס דאַגעגען, וויל איך, דו זאָלסט מיר זאָגען. נויטען דיך וועל איך נישט, דו ביזט שוין, קיין עין

הרע, אַ דערוואַקסען מיידעל און ... (גיטעלע מאַכט אַ בעוועגונג אויפ־צושטעהן) דאַרפסט זיך נישט אײַלען צו ענטפערן, קינד לעב. איבערלייג דיר פריהער ...

גיטעלע.

(שמעהט אויף) כ'וועל דיר אַרייַנברייַנגען אַ גלאָז מילך, יאָ, באָבעשי?

(נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, לויפט זי אַרויס רעכטס. מלכה'לע קוקט אַ ווײַלע אויף דער טהיר, וואו גיטעלע איז פערשווינדען. איהר פנים ווערט צוריק בעדעקט מיט אַ שטילען טרויער. זי שטעהט אויף און געהט לאַנגזאַם איבער דער שטוב).

מלכה'לע.

(פערטראַכט) ווי לאַנג זיי ווען נישט חתונה האָבען און אַנדערש וואו וואוינען, טאָר ער נישט אַהער קומען ... זיי מוז איך שוין היטען ... (שטעלט זיך אָב ביים בילד) ווייסטו חאַטש וויפיעל כח דאָס קאָסט מיך? (מיט כעס) ווייסטו, אַז כ'האָב בעמוזט שטעהן ווי אַ בעטלער שעה'ן לאַנג אויף דער גאַס, כדי חאַטש פון דערווייטענס אַ בליק אויף איהם צו גנבה'נען?

(זי קוקט אַ ווײַלע אויפ'ן בילד, זיפצט שווער אָב און זעצט זיך צוריק צום טיש. זי נעמט אַרויס פון בוזעם אַ קליין שליסעלע, שטעקט עס אין קעסטעלע, ווילענדיג עס אויפשליסען. גיטעלע קומט אַריין מיט אַ גלאָז מילך אין האַנד. מלכה'לע לאָזט אָב ס'שליסעלע, נעמט ס'גלאָז מילך און זיצט פערטראַכט. גיטעלע דרעהט זיך אַרום צוטומעלט, נישט קאָנענדיג זיך בעשליסען).

גיטעלע.

(ווערט זעהר רויט. פלוצלונג) דו ווייסט, באָבעשי, דער פעטער דוד איז דאָ געוועזען, ער האָט ערהאַלטען אַ בריעף פון משה'לען, ער ...

(מלכה'לע הייבט אויף אויף גיטעלען אַ איבעראַשטען בליק, אונטער וועלכען גיטעלע ווערט אַנטשוויגען).

מלכה'לע.

(נאָך אַ ווײַלע. צווינגט זיך צו מאַכען אַ שטרענג פנים. איהר שטימע

קלינגט אָבער שוואַך און ווייך) כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיין נאָמען נישט דערמאָנען!

(גיטעלע ווערט אינגאַנצען צוטומעלט און ברומט עפּעס אונפער־שטענדליכעס. מלכה׳לע שטעהט אויף און געהט איבער דער שטוב).

מלכה׳לע.

(פערדראָסיג) דו ווייסט, אַז כ׳וועל פון איהם נישט הערען!

גיטעלע.

(פעסט) אָבער די באָבעשי וועט דאָך מוזען הערען! (שנעל) ער שרייבט, דאָס ער קומט אַהער...

מלכה׳לע.

(בלייבט שטעהן איבערראַשט, נאָך אַ ווײַלע) ווער האָט דאָס איהם ערלויבט?

גיטעלע.

אָבער...

מלכה׳לע.

געה דעפּעשיר איהם, אַז ער זאָל זיך נישט דערוועגען! כ׳וויל איהם היע נישט זעהן.

גיטעלע.

מיט טרעהרען) אָבער, באָבעשי...

מלכה׳לע.

געה, דעפּעשיר! (גיטעלע שטעהט אין פערלעגענהייט. זי קוקט מיט שמערץ און געבעט צו מלכה׳לען) נו! דו הערסט? געה דע־פּעשיר!

(גיטעלע געהט לאַנגזאַם צו לינקס. זי בייסט די ליפּען, כדי צו־ריק צו האַלטען די טרעהרען).

מלכהלע.

(קעמפּפענדיג מיט זיך) אָדער... (שטאַרק) געה! געה דעפּעשיר!
(גיטעלע אָב. מלכה׳לע געהט איבער דער שטוב אין שטאַר־קער אויפרעגונג).

מלכּה׳לע.

(מיט פּערדרוס) כ׳ווער שוואַך... (שמעלט זיך אָב בּיים בּילד) וואו נעמט מען כּח, שמע׳לע... מיין זינדיגער חומר ציהט צום זינדיגען זוהן...

(זי בּלייבּט שטעהן איינגעקוקט אין בּילד׳ די טהיר פון גי־טעלעס צימער עפענט זיך שטיל. מען זעהט ווי גיטעלע שטופּט אריין משה׳לען און פערמאַכט הינטער איהם די טהיר, לאָזענ־דיג אָפען נאָר אַ קליינע שפּאַרע, דורך וועלכער זי קוקט אַריין ווערענד דער גאַנצער סצענע׳ משה׳לע בּלייבּט שטעהן אין אונרוהיגער אויפרעגונג, נאָר דערזעהענדיג, ווי די מוטער שטעהט און קוקט זיך איין אין בּילד, ווערט זיין פּנים שטרענג און טראַציש. ער מאַכט איינינע טריט נעהנטער. אויפ׳ן קול פון זיינע טריט ווענדעט זיך מלכה׳לע אום און, דערזעהענדיג איהם, בּלייבּט זי שטעהן, ווי צונעשמיעדט. זיי קוקען אַ ווייל־ע איינס אויף ם׳צווייטע אָהן ווערטער).

משהלע.

גוט מאָרגען, מוטער.

מלכּה׳לע.

(קוקט זיך אום אויפ׳ן בּילד. מיט שרעק) ווי האָסטו געוואַגט...

משה׳לע.

דו חידוש׳ט זיך, וואָס דער פערלייקענטער, פערשטויסע־נער זוהן האָט געוואַגט צוריק צו קומען? חאַ, חאַ, חאַ! זעהט אויס, אַז ס׳איז שוין אַזוי בּאַשעהרט געוועזען, דאָס איך זאָל נאָכאַמאָל דאָ הינען זיין.

מלכּה׳לע.

(פּעסט) ווי האָסטו געוואַגט אין אַזאַ הולך זיך צו ווייזען אין דער שטוב, וואו אַלעס איז אָנגעזאַפּט מיט תּורה און יודישקייט?

משה׳לע.

(בּעקוקט זיך) די קליידער און מיין פּנים פּאַסען נישט הי־

נען אַריין, אמת? באַר נישט מיין שולד איז עס. דו וואָלסט מיך נישט געזעהן דאָ, ווען מ׳וואָלט נישט געשריבען נאָך מיר.

מלכה׳לע.

מ׳האָט נאָך דיר געשריבען? ווער האָט געהאַט די העזה צו שרייבען אָהן מיין וויסען?

משה׳לע.

מ׳האָט מיר געשריבען, דו ביזט ערנסט קראַנק. ווען נישט דאָס, וואָלט איך נישט געקומען. דו פערשטעהסט דאָך גע-וויס, אַז ס׳איז נישט קיין זעהר גרויס פערגעניגען פאַר מיר אין דער שטוב, וואו עס הערשט זיין (וייזט אויפ׳ן בילד) דעס-פּאָטיזם.

מלכה׳לע.

דו האָסט נאָך אַ העזה...

משה׳לע.

הינען איז קיין אָרט נישט פאַר אַ מענש מיט לעבען. דאָ הערשט זיין טויטער גייסט, זיין טויטער ווילען.

מלכה׳לע.

דו האָסט אַ העזה? דו האָסט אַ העזה איהם צו ל׳עסטערן נאָכדעם ווי דו האָסט איהם גע׳הרג׳ט?

משה׳לע.

(ווערט וויים, מאַכט אַ טריט נעהנטער) וואָס?...

מלכה׳לע.

יאָ, דו האָסט איהם גע׳הרג׳ט! די צרות פון דיר האָבען איהם פון דער וועלט געברענגט! ער האָט נישט געקאָנט אי-בערטראָגען די שענע מעשים דיינע! דו ביזט זיין רוצח!

משה׳לע.

(שרעקליך וויים. דאָס פנים איז איהם אויסגעקרימט פון כעס און אויפ-רעגונג. ער דערנעהנטערט זיך צו איהר. פון שטאַרקער אויפרעגונג איז זיין שטימע שטיל און געשטיקט) וואָס האָסטו געזאָגט...

מלכה׳לע.

(רוקט זיך אונטערוויליכס אָב פון איהם) דו האָסט איהם געהרג׳ט! אַרויס פון דאַנען!

משה׳לע.

(געהט איהר נאָך. ווי פריהער) וואָס האָסטו געזאָגט...

מלכה׳לע.

(ווי פריהער) אַרויס פון דאַנען! דו ביזט אַ בן סורר ומורה! (ווייזט מיט דער האַנד צו לינקס) אַרויס!

(זי וואַקעלט זיך צו פאַלען און לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטוהל. ס׳קומט אַריין צו לויפען גיטעלע, וועלכע איז אַ גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער דער טהיר פון איהר צימער און אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַלט).

גיטעלע.

(לויפט צו מלכה׳לען) באָבעשי...

משה׳לע.

(ווי פריהער) וואָס האָסטו געזאָגט...

גיטעלע.

(צו משה׳לען) געה אַוועק... דו זעהסט דאָך, זי איז קראַנק...

משה׳לע.

(הערט גאָרנישט) וואָס האָסטו געזאָגט...

(גיטעלע העלפט מלכה׳לען, וועלכע איז גאַנץ אָהן כח, אויפשטעהן, און פיהרט זי אַרויס רעכטס, פאַרמאַכענדיג נאָך זיך די טהיר. משה׳לע שטעהט אויף אַ אָרט, קוקט צו דער טהיר רעכטס און ווידערהאָלט עטליכע מאָל: וואָס האָסטו געזאָגט... ער שפּאַנט אויפגערעגט איבער דער שטוב, גיטעלע קומט צוריק אַריין. זי פערמאַכט אונטער זיך די טהיר און געהט צו משה׳לען).

גיטעלע.

דו ביזט אומגערעכט, משה׳לע, נישט אין אַזאַ טאָן האָסטו געדאַרפען רעדען... (ער ענטפערט נישט און געהט ווייטער איבער

דער שטוב) ברויכסט מיט איהר צו רעדען ווייכער... זי איז דאָך דיין מוטער...

משה׳לע.

איך האָב קיין מוטער! זי האַסט מיך! (מיט אַ געשטיקט קול) מיך בעשולדיגט זי אין מיין פאָטער׳ס טויט...

(ער זעצט זיך צום טיש דעם קאָפּ אָנגעלעהנט אויף די הענד. גיטעלע געהט צו, נעמט אַרום זיין קאָפּ און קושט איהם שטיל).

גיטעלע.

נו, נו, משה׳לע, בערוהיגט זיך... ס׳וועט נאָך בעסער ווערען... (בלייבט שטעהן געבויגען איבער איהם).

משה׳לע.

(ווי צו זיך) איך בין פערלייקענט, פרעמד, אַלעמען דאָ בין איך פרעמד... (שטויסט זי פּלוצלונג אָב פון זיך, שפּרינגט אויף, מיט כעס) און דיר אויך! דיר בין איך אויך שוין פרעמד געוואָרען!

(ער געהט האַסטיג איבער דער שטוב. זי קוקט איהם נאָך מיט אויגען פול טרעהרען).

משה׳לע.

(צו זיך) ס׳ איז געוועזען אַ נאַרישקייט מיין קומען... כ׳ווער שלעכט, פערביטערט, אַלעס דאָ רעגט מיך אויף...

(נאָך אַ ווייל׳ע געהט ער צו גיטעלע׳ן און נעמט זי היים אַרום. זיין פּנים דריקט אויס שולדיגקייט. זי טוליעט זיך צו איהם מיט ליעבע און דאַביי פליעסען איהר שטילע טרעהרען).

גיטעלע.

(שטיל) רעד מיט איהר אַנדערש, בעט זי, רעד צו איהר, ווי צו אַ מאַמע...

משה׳לע.

כ׳קאָן נישט מעהר, גלויב מיר... ווען כ׳דערמאַן זיך... כ׳קאָן נישט הערשען איבער זיך... דאָס גלייכסטע איז, איך זאָל וואָס שנעלער אַוועקפאָהרען. פאַר איהר איז אויך בעסער אַזוי...

גיטעלע.

ניין, אַזוי טאָהרסטו נישט, דו מוזט זיך מיט איהר איבערבעטען און ... (אין פערלעגענהייט) משה'לע, איך קאָן דאָ ווייטער נישט בלייבען אַזוי: זי וויל ... זי וויל מיר געבען אהרב'ען פאַר אַ חתן ...

משה'לע.

וואָס? דאָס אויך? דאָס לעצטע, וואָס כ'פערמאָג נאָך, דאָס לעצטע און טייערסטע וויל זי מיר אויך אַוועקרויבען?

גיטעלע.

אָבער, משה'לע, זיי דאָך גערעכט! די באָבעשי ווייסט דאָך נישט פון אונזערע פערהעלטניסען און קאָן ממילא נישט וועלען עפּעס אַוועקרויבען ביי דיר.

(משה'לע געהט איבער דער שטוב פערקלערט).

גיטעלע.

(נאָך אַ ווייל) האָרך מיך, משה'לע, רעד מיט איהר גאָכאַמאָל, בעט זי ...

משה'לע.

(האַפּט אַרום גיטעלען און קושט זי) גיטעלע... ליעב קינדעל'ע, דו וועסט הייגט פאָהרען מיט מיר ... צוזאַמען וועמיר זיך אַרויסרייסען פון דעם אומגליקליכען הויז ... יאָ, דו וועסט פאָהרען מיט מיר ... (לאָזט זי פלוצלונג אָב, האַפּט איהר האַנד און דריקט זי פעסט) דו שווייגסט? דו ליעבסט מיך נישט מעהר! דו ווילסט ...

(פון ליגקס קומט אַריין דער דאָקטאָר. משה'לע לאָזט אָב גיטעלע).

דאָקטאָר.

גוט מאָרגען. (צו משה'לען) נו, האָסט זיך שוין געזעהן מיט דיין מוטער? (בעגריסט גיטעלען).

משהל'ע.

יאָ, (דער דאָקטאָר קוקט אויף איהם מיט אַ שטומער פראַגע. משה'לע נעמט אַרויס זיין טאַשען זייגעריל און קוקט דאַרויף) דאָקטאָר, ווען געהט

אָב דער צוג ?

ד אָ ק ט אָ ר.

ס'איז נאָך גענוג צייט. דער צוג געהט אָב ערשט האַלב פינף. אויב דו ברויכסט אַ בריעף צו בעזאָרגען, קאָן איך עס דיר ערלעדיגען.

מ ש ה ' ל ע.

ניין, איך פאָהר.

ד אָ ק ט אָ ר.

ווי הייסט ?

מ ש ה ' ל ע.

כ'פאָהר.

(ער געהט צום הינטערגרונד און קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער. דער דאָקטאָר קוקט אויף אַ ווייל'ע, געהט צו גיטעלען, שמועסט מיט איהר עפּעס שטיל און ווענדעט זיך דערנאָך צו משה'לען).

ד אָ ק ט אָ ר.

משה'לע, ס'איז אַפילו נישט מיין זאַך, נאָר אַלס אַלטער הויז-דאָקטאָר און נאָכמעהר, אַלס אַלטער פריינד, מוז איך דיר זאָגען, אַז דו טהוסט נישט ריכטיג. אין אַזעלכע פעלען דאַרף מען ...

מ ש ה ' ל ע.

(שמערצליך) כ'בעט אייך, לאָזט אָב.

ד אָ ק ט אָ ר.

נו, ווען דו ווילסט נישט, וועל איך נישט רעדען דאַפון. (זעצט זיך צום טיש. שטיל צו גיטעלען) לאָז ער זיך אַביסעל אָבקיהלען. (הויך) און וואָס מאַכט עפּעס אונזער קראַנקע ?

ג י ט ע ל ע.

(זעצט זיך צום טיש) זי פיהלט זיך גענוג גוט.

ד אָ ק ט אָ ר.

נאָך דער היינטיגער אויפרעגונג וועסט איהר מעגען געבען אַ גרעסערע דאָזע, האָטש צוואַנציג טראָפּען פאַר'ן שלאָף. וואו

איז זי איצט?

גיטעלע.

זי האָט זיך צוגעלעהנט.

(אַ דריקענדיגע פּויזע. דער דאָקטאָר פּויקט לייכט מיט די פינגער
אויפ'ן טיש, ער דערזעהט ס'קעסטעלע.)

דאָקטאָר.

(פערוואונדערט) וואָס איז דאָס? זי האָט נישט גענומען מיט זיך ס'קעסטעלע? כ'געדענק נישט, אַז כ'האָב די לעצטע צייט ווען עס איז געזאָלט זעהן דאָס קעסטעלע און דיין באָבע זאָל נישט זיצען האַרט דערנעבען. (בעטראַכט עס נייגיריג) גערן וואָלט איך געוויסט וואָס איניווייניג ליגט. כ'האָב שוין פיעל מאָל בעמערקט, אַז דאָס בעריהרען עס, אָדער אַפילו בלויז דאָס קוקען דאַרויף ווירקט אויף איהר שטימונג, ווי עפּעס אַ כישוף. (בעטראַכט עס ווידער) ס'איז אפשר עפּעס אַ פאַמיליען-אַנדענקען?

גיטעלע.

כ'ווייס נישט, כ'געדענק נישט, אַז כ'האָב עס געזאָלט פריהער ביים זיידע'ס לעבען זעהן אַמאָל.

דאָקטאָר.

משה'לע, דו ווייסט אויך נישט?

משה'לע.

(גיעהט צו) וואָס פרעגט איהר?

דאָקטאָר.

געדענקסט אפשר פון וואַנען דאָס קעסטעלע שטאַמט? ס'זעהט אויס שוין נישט ניי.

משה'לע.

(בעטראַכט עס) יאָ, ס'איז מיין קעסטעלע, כ'האָב עס גע-מאַכט, ווען כ'בין נאָך געוועזען אַ קליין יונגעל.

גיטעלע.

(פערוואונדערט) טאַקי?

משה׳לע.

שוין פון יאָהרען איז עס געלעגען אויפ׳ן בוידעם. ווער האָט עס עפּעס היינט אַראָבגענומען פון דאָרט?

דאָקטאָר.

אַזוי? דיין מוטער לאָזט עס דאָך נישט אָב קיין רגע פון זיך. אומעטום טראָגט זי עס מיט, אפילו ביים שלאָפען מוז...

משה׳לע.

(שרייט אויס) וואָס?...

(ער לויפט צו, שליסט שנעל אויף און מיט ציטערענדע הענד נעמט ער אַרויס צוויי רייך געבונדענע ביכער און זיין אייגענע פאָטאָגראַפיע אין אַ שענער ראַהם. אויף די טאָוועל פון די ביכער איז מיט גרויסען גאָלד־שריפט אויפגעדרוקט: „משה קראַנץ, ליעדער״).

משה׳לע.

מיינע ווערק! מיין בילד!...

(עס פאַלט אַראָב עפּעס אַ פּעקעלע. גיטעלע הייבט עס אויף. דאָס איז אַ פּעקעל בריעף גראַד און זאָרגפעלטיג צוזאַמענגעלייגט און פערבונדען מיט אַ זיידען בענדעל. משה׳לע האַפּט עס ביי איהר אַרויס און וואַרפט דאַרויף אַ בליק).

משה׳לע.

(מיט אַ געשטיקטער שטימע פון פרייד) מיינע בריעף! אַלע מיינע בריעף, וואָס כ׳האָב געמיינט, אַז זי לעזט גאָרנישט!... זי האָט מיך ליעב! מיין מוטער האָט מיך ליעב! (האַפּט ווידער די ביכ׳ר און ווייזט איינם) זעה, די ליעדער, וואָס זענען ערשט יענע וואָך אַרויס פון דרוק! אין ווילנאָ, אין מיין שטאָדט איז זי געוועזען! (האַפּט אַרום גיטעלען) גיטעלע, איך האָב אַ מוטער! זי איז עקסטראַ געפאָהרען קיין ווילנאָ נאָך מיין ווערק! דו הערסט? גיטעלע. גיטעשי, מיין מוטער האָט מיך ליעב! (לויפט צו רעכטס) מיין גוטע מאַמע...

(ער וויל אַריין אין עס־שטוב. דער דאָקטאָר פערשטעלט איהם דעם וועג).

ד אָ ק ט אָ ר .

גײה נישט אַזױ פּלוצלונג און אין אַזאַ צושטאַנד. געדענק, אַז זי איז קראַנק...

מ ש ה ' ל ע .

(הערט גאָרנישט. האַלט דעם דאָקטאָר) פרײנד, ליעבער דאָקטאָר, מײן מוטער האָט דאָך מיך ליעב... לאָזט מיך צו איהר... מײן גוטע מוטער...

(ער װאָרט נישט אױף ענטפער און לױפט צוריק צום טיש, האַפּט ס'קעסטעל און קושט עס, האַלט די ביכער, לױפט צו רעכטס, קעהרט זיך װידער אום, האַפּט אַרום גיטעלען און קושט זי, װײנט, לאַכט, ברומט און װײסט אַלײן נישט װאָס צו טהון פון גרױס פרײד. די טהיר רעכטס עפענט זיך און ס'קומט אַרײן מלכה'לע. אױף איהר פּנים שפּיעגלען זיך אָב שטאַרקע לײדען. משה'לע דערזעהט זי און, אָבשטױסענדיג דעם דאָקטאָר, איז ער מיט אײן שפּרונג נעבען איהר).

מ ש ה ' ל ע .

מוטער!... (פאַלט אױף די קניען און קלאַמערט אַרום איהרע פיס, קושט איהרע הענד, קוקט איהר אין פּנים, בעהאַלט זײן קאָפּ אין איהר קלײד. פון גרױס פרײד קאָן ער נישט רעדען און אַ װײלע הערט זיך נאָר עפּעס אַ ברומען. ער רעדט כסדר:) מוטער... מוטער... מאַמעשי... זײ מיר מוחל... גוטע מאַמע... איך בין אַ שלעכטער... מאַ-מעשי... דו האָסט מיך האָלט...

(מלכה'לע שטעהט אונבעװעגליך, איהר פּנים איז מילד, די אױ-גען שטראַהלען, די ליפּען און די אױבערשטע ברעמען ציטערען לײכט פון אינינער אױפרעגונג. פון לינקס קומט אַרײן אהרן, ער בלײבט שטעהן איבעראַשט, נישט פערשטעהענדיג װאָס דאָ קומט פאָר, נאָר דערקענענדיג משה'לען, לױפט ער שנעל צו מיט פרײד).

מ ש ה ' ל ע .

(האַפּט איהם אַרום) אהר'על'ע, בעט דו זי... בעט זי פאַר מיר... אהר'קע... לאָז זי מיר מוחל זײן... איך בין אַ שלעכ-טער...

מלכה׳לע.

(לויפט צו מיט שרעק) **אַוועק! איהם ריהר נישט אָן!** (רייסט אַוועק אהרנ׳ען און שטעלט איהם אונטער זיך, ווי ווילענדיג איהם באַשיצען פון עפעס) **איהם לאָז מיר! אַוועק!**

משה׳לע.

כ׳וועל נישט אַוועקגעהן... מאַמעשי... דו האָסט מיך ליעב... מאַמעניו...

מלכה׳לע.

(ווי פריהער) **איהם ריהר נישט! וואָטש זיי לאָז מיר יודען!** (צו אהרנ׳ען) קום מיט מיר. (אהרן שטעהט און קוקט צו משה׳לען) **קום, זאָג איך דיר:** (פיהרט איהם שנעל אַרויס דורך רעכטס).

משה׳לע.

מאַמעניו... מוטער... גוטע...

(די טהיר פערמאַכט זיך נאָך מלכה׳לען און אהרנ׳ען. משה׳לע בלייבט שטעהן מיט אויסגעצויגענע צוזאַמענגעלעגטע הענד, ווי צום געבעט איינגעקוקט אין דער פערמאַכטער טהיר. דער דאָקטאָר קוקט אַרויס דורכ׳ן פענסטער און מאַכט זיך הוסטען, כדי צו פערדעקען זיין אויפרעגונג. גיטעלע, וועלכע איז אַ גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט און שטיל געוויינט, ווערט ביי מלכה׳לעס אַוועקגעהן שטרענג און נעמט אָן אַ פּאָזע, ווי זי וואָלט זיך אויף עטוואָס פעסטעס בעשלאָסען. זי ווישט אוים די אויגען און פערשווינדעט אין איהר צימער לינקס).

משה׳לע.

(שטיל צו זיך) **זי איז אַוועק... האָט מיך ליעב און איז אַוועק...**

דאָקטאָר.

(געהט צו און נעמט משה׳לען פאַר דער האַנד) **בערוהיג זיך, משה׳לע...**

משה׳לע.

דערמאַנט זיך נאָר, ווי שרעקליך: זי האָט מיך ליעב, האָט

געבענקט נאָך מיר, און איך ... איך שלעכטער ... (לויפט צום פאָטערס בילד, חאַפּט עס אַראָב פון דער וואַנד און קושט עס) מיין גו-טער פאָטער ... ווי איך האָב דיך נישט פערשטאַנען ... איך בין שולדיג אין דיין טויט, פון גרויס ליעבע צו מיר ביזטו געשטאָרבען ... אַך, איך אונגליקליכער ...

(משה'לע לאזט זיך אַראָב אויף אַ שטוהל און פערשטעלט זיך ס'פּנים מיט בידע הענד. דער דאָקטאָר הענגט צוריק אויף דער וואַנד ס'בילד און דרעהט זיך אין פערלעגענהייט איבער דער שטוב. נאָך אַ ווײַלע קומט אַריין גיטעלע, אָנגעטהון איהרע אויבער-קליידער) .

ג י ט ע ל ע .

(געמט אַרום משה'לען) משה'לע, קום לאָמיר פאָהרען. נאָך איהר איצטיגען אָבשטויסען דיך, האָב איך מעהר קיין פפליכט צו איהר. קום, משה'לע.

מ ש ה ' ל ע .

(שטעהט אויף, האַלט זיך קוים אויף די פיס) ניין, איך פאָהר נישט אַוועק פון היע. כ'וועל געהן צו איהר, וועל איהר פאַלען צו די פיס, לאָז זי אויף מיך טרעטען, לאָז זי מיך שלאָגען, נאָר זאָל זי מיך נישט אַוועקיאָגען פון זיך, זאָל זי מיר צו-ריק שענקען איהר מוטערליכקייט. (געמט גיטעלען פאַר דער האַנד און פיהרט זי מיט זיך צו רעבּעצ'ס) קום מיט מיר, גיטעלע, צוזאַמען וועמיר זי בעטען, זי וועט אונז ...

ג י ט ע ל ע .

(וויל נישט געהן) אָבער, משה'לע ...

מ ש ה ' ל ע .

(נישט אָבשטעלענדיג זיך) ניין. קום מיט מיר, זי וועט מיר מוחל זיין, וועסט ...

ד אָ ק ט אָ ר .

(פערשטעלט איהם דעם וועג) משה'לע, ס'איז אונמעגליך, אַלס דאָקטאָר ערלויב איך נישט אַריינצוגעהן איצט צו איהר.

משה׳לע.

אָבער כ׳מוז דאָך אַריינגעהן. איהר וועט זעהן, זי וועט מיך נישט אָבשטויסען...

דאָקטאָר.

יאָ, נאָר נישט איצט,ביידע מוזט איהר אַ ביסעל אָברו-העַן. (צו גיטעלען, ווייזענדיג אויף לינקס) מ׳קאָן אַריינגעהן צו דיר?

גיטעלע.

יאָ, (צו משה׳לען) קום טאַקי...

דאָקטאָר.

(פיהרענדיג משה׳לען, וועלכער איז גאַנץ אָהן כח, צו לינקס) דו געהסט דאָך נאָך אַפילו אין אויבער-פּאַלטאָ, אַזוי ווי דו ביזט געקומען פון דער באַהן. קום אַריין, וועסטו אַ ביסעל אָברו-העַן און דערנאָך וועסטו...

(אַלע דריי פערשווינדען לינקס, פערמאַכענדיג נאָך זיך די טהיר. די סצענע בלייבט אַ ווײלע לעדיג. פון גיטעלעס צימער הערען זיך אונדייטליכע שטימען. מלכה׳לע קומט ראַש אריין. זי קוקט זיך שנעל אַרום און, נישט זעהענדיג קיינעם, פערברעכט זי די הענד).

מלכה׳לע.

(פערצווייפעלט) ער איז אַוועק...

(זי לויפט צו לינקס און וויל אַרויסלויפען אין קאָרידאָר, נאָר זי דערהערט שטימען פון גיטעלעס צימער און לויפט צו דער טהיר. זי האָרכט זיך אַ ווײלע צו און איהר פּנים שטראַהלט אויף. דער-זעהט אויפ׳ן טיש משה׳לעס פאָטאָגראַפיע און נעמט זי ראַש).

מלכה׳לע.

(קושענדיג די פאָטאָגראַפיע) מיין זוהן, מיין שען יונגעלע...

(נעמט זיינע ווערק און בעדעקט זיי מיט הייסע קושען. איהר בליק פאַלט אויפ׳ן מאַנס בילד און זי ווערט פערציטערט).

מלכה׳לע. (נאָך אַ ווײַלע. מיט כּעס) וואָס קוקסטו אַזוי בּייז? **ער איז מײַן זוהן, מײַן גרויסקײַט! איך האַלט זיך אַזוי גרויס מיט זײַנע ביכער, ווי מיט דײַנע ספרים! דו הערסט? אַזוי פיעל, ווי מיט דײַנע ספרים!** (בּלײַבּט אַ ווײַלע שטיל. פערשטעלט זיך ם׳פּנים מיט בּיידע הענד) **אוי, ווי זינדיג איך בּין...**

(פאָרהאַנג).

וויכטיג פאר חדרים, שולען, לעהרער און געוועהנליכע לעזער

יעקב פיכמאן.

פאר שול און פאלק

(חרעסטאמאטיע).

ני.שט אומזי.סט טראָגט די. נײַע אי.לוסטרי.רטע חרעס-טאָמאַטיע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון אַזאַ געני.טער האַנד, דעם נאָמען: „פאר שול און פאָלק“. דאָס בוך איז אויסגערעכענט פאַר לעהרער און פאַר שי.לער און דערבײַ אויך פאַר געוועהנלי.כע לעזער. דער לעזער וועט דאָ געפי.נען די. בעסטע מוסטערן פון אונזער יודי.שער לי.טעראַטור. אַ גרויסען פּלאַץ איז אין דער חרעס-טאָמאַטיע אָבגעגעבען פאַר די. רײַצענדע וואונדער-שעהנע מעשה'לעך פון די. יודי.שע אגדות, וואָס בי.אַלי.ק און ראַווני.צקי. האָבען צוזאַמענגעשטעלט. אײַנגעטײַלט איז די. חרעסטאָ-מאַטיע אין 5 אָבטײַלונגען:

1) בעלעטרי.סטי.ק און פּאָעזיע.
2) יודי.שע קי.נדער.
3) שבת און יום-טוב.
4) פון אַמאָל און הײַנט.
5) וויסענשאַפט.

יעדע אָבטײַלונג צײַכענט זי.ך אויס מי.ט אַ סך גע-שמאַק און פּעדאַגאָגי.שען טאַקט, און נעהמט אַרום אַלע צײַטען און אַלע מנהגים פונ'ם יודי.שען לעבען.

אין די. אָבטײַלונגען קומען אַרײַן פאָלגענדע יודי.שע שרײַבער און די.כטער:

מענדעלע מוכר ספרים, פּרץ, שלום-עליכם, פרי.שמאַן, בי.אַלי.ק, ראַווני.צקי., פרוג, ראָזענפעלד, רײַזען, נאָמבערג, אַש, אײַנהאָרן, ספּעקטאָר, די.נעזאָהן, בערדי.טשעווסקי. א. אַנד.

פּרײַז 70 קאָפּ.

בי.כער-פערקויף א. גיטלין, וואַרשאַ, נאַלעווקי. (איוואַנאָוו. באַזאַר) 1.